שנה ד'
נומער 171
**פרשת אמור**
תשפ"ג

# קרית ברסלב
## בלעטל




צום פינטל:
**סוכות שני**

געדאנקען:
**וואו לייגט מען די שטרימפעלעך?**

פאר די ברסלב'ע שטוב:
**ווילט איר א קארטל?**


**דער ראש ישיבה שליט"א אין מידון**


**מוהרא"ש זי"ע אין מידון**

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty

אמור ט"ו אייר תשפ"ג

הדלקת הנרות.........07:43
מוצאי שבת............09:14

מנחה מעריב בה"ב ... 09:00

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 05 | 54°/38° | Cloudy |
| Sat 06 | 60°/41° | Partly Cloudy |
| Sun 07 | 66°/44° | Mostly Sunny |
| Mon 08 | 68°/46° | Partly Cloudy |
| Tue 09 | 70°/48° | Partly Cloudy |
| Wed 10 | 72°/51° | Partly Cloudy |
| Thu 11 | 71°/52° | PM Showers |
| Fri 12 | 72°/52° | PM Showers |







צום פינטל
סוכות שני
4



היכל הקודש נייעס
הכנות אויף ל"ג בעומר תשפ"ג הבעל"ט
8



שטעטל נייעס
בית המדרש היכל הקודש ירושלים אין שטעטל
10



געדאנקען
וואו לייגט מען די שטרימפעלעך?
11



מיט א טיפערן בליק
ברוגז אויף פערד
18

פאר די ברסלב'ער שטוב
ווילט איר א קארטל?
23





## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה גדלי' אפפעל הי"ו**

**וזוגתו רחל נאמי תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל ברוחניות ובגשמיות.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו**

**וזוגתו רחל תחי'**

**צום שידוך שליסן פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

בעזרת השם יתברך

סימן טוב ומזל טוב

עם צדיקים יראו וישמחו וישרים יעלזו וחסידים ברנה יגילו

ומשפע
מיצות
תפילין
יתמשך
עלי

להיות לי
חיים
ארוכים
ושפע
קודש

מוסדות

# היכל הקודש

בארץ ישראל – על טהרת הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

ברגשי גיל וחדוה משגרים אנו את ברכותינו קדם
רועינו הנאמן המדריכנו בדרך אלוקים חיים
מורינו

## הראש ישיבה שליט"א

ולנות ביתו החשובה תחי'
לרגל היכנס בנם הבחור היניק וחכים

## נחמן נתן נ"י

לעול התורה והמצות

ולרגל שמחת החלאקה של נכדם
הילד נחמן נתן
בן בנם בכורם מוה"ר שלמה שליט"א

יהא רעוא שיזכו לרוות רוב נחת דקדושה מהם ומכל
יוצא"ח בטוב ובנעימים בשמחה וביישוב הדעת ובהרחבה
גדולה מתוך בריאות ואריכות ימים ושנים
אמן

המברכים בכבוד וביראה

- תלמידי היכל הקודש בארץ ישראל
- תלמודי תורה היכל הקודש בארץ ישראל
- בתי חינוך לבנות 'בית פיגא' בארץ ישראל
- ישיבה קטנה היכל הקודש בארץ ישראל

ההנהלה



# צום פינטל

## סוכות שני!

קוקסט מיך אזוי אן... סוכות שני... אבער לאמיר דיר פרעגן באמת, ווי אזוי וואלסטו אנגעקוקט אזא זאך ווי "סוכות שני", לאמיר אביסעלע ניצן דעם כח המדמה... גרייט?

א איד איז געבליבן שטעקן ערגעצוואו, עס ווערט אלס נענטער און נענטער צו י"ד תשרי, אבער ער געפינט זיך אין א פלאץ ווי עס איז נישט דא קיין לולבים קיין אתרוגים, מען זעט נישט קיין איד פאר די אויגן, קיין סוכה, קיין שול, קיין הושענות. אזוי איז אים אריבער די היילגע יום טוב סוכות, ווייט פארשטופט. ענדליך יום טוב איז אדורך, ער קומט צוריק צווישן שלומי אמוני ישראל, ער איז דא צוריק אינעם היימישן געגענט, בתוך עמי אנוכי יושבת, אוי! עס כאפט אים אן אזא בענקשאפט, אזא תשוקה, ער זעט עס ליגט שוין ביי יענעם דאס אתרוג אין קאך, אזוי נישט מיר נישט דיר, עס ווערגערט זיך שוין, א פיטום? שוין לאנג נישט... ער ליגט אזוי בקרן זוית דארט אויפן קאונטער גרייט צו מאכן דערפון פיינע איינגעמאכטס'ס לכבוד חמשה עשר, אבער אים כאפט אזא בענקשאפט, פארפאסט די גאנצע סוכות, די נענועים, די הושענות, די הלל'ס.

ער שפאצירט אריין אין שבת שטוב, דער לולב בליקט אים ארויס פון העכער די ספרים שאפע, אוי פונקט מיטן שפיץ מוז ער זיין ארויסגעשטעקט ממש דער שטעכט אים אין די אויגן, אין די זייט ליגן שריים פון הדסים, אפ! א בלעטעלע פון די ערבה פליסטערט אראפ, ממש ווי צו טשעפענען מיט אים, אוי! ווי בין איך געווען, וואס איז מיט מיר, גאנץ כלל ישראל האט געפייערט אזא געהויבענעם יום טוב, און איך בין געווען ערגעץ חוץ לשלוש מחנות, ווייט פון אלעמען.

מיט איין אטעם לויפט ער צום לשכת הגזית, צו די זקנים, צו די סנהדרין, ער לויפט צום אוהל מועד אנקלאפן ביי די טירן פון די גדולי ישראל, ער פלאצט אויס אין א געוויין: "רבינו משה", וואס וועט דא זיין, איך בין געווען אונטערוועגנס, איך האב פארפאסט דער הייליגער לולב, די אתרוג, די הושענות, אה די הערליכע יום טוב סוכות, עס בענקט מיך, ער שרייט אויס פון טיפעניש פון הארץ "למה נגרע" וואס בין איך עפעס אונטערשטעליג, וואס בין איך שולדיג, "לבלתי אחוג את חג השם" אז איך האב נישט זוכה געווען צו שאקלען לולב, זיצן אין די סוכה, מקיים זיין אלע מצוות החג.

עס זיצן די זקנים, אהרן, אינדערמיט דער גרויסער מנהיגן של ישראל דער צדיק יסוד עולם משה רבינו, עס פליסט זיי מיט די טרערן, צו הערן אזא געשיכטע, נישט קיין קליינקייט, עס שפירט זיך מיט די צער פון דעם איד, זיי טראכטן צו זיך, אוי ווען עס וואלט געשען צו מיר אזא זאך, לייג דיך אריין אין יענעמס מצב, איי איז עס פיינפול, נו! נאכן גוט אריינשפעקולירן אין די מצב, משה רבינו פארברעכט מיט די הענט! וואונטש אים אן א שיינע ברכה, דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז איבער'ס יאר זאלסטו זוכה זיין ביתר שאת ויתר עז, וואס איז שייך צו טון, אז דו ווילסט דווקא, אפשר זאלסטו יעדן טאג צולייגן נאך א פרק משניות אנצופילן די חסרון אין דיין נשמה וואס איז געבליבן.

אפשר וואלט זיך געענדיגט די סיטואציע אזוי! אדער אפשר... אפשר גאר וואלטן מיר זוכה געווען צו א סוכות שני? נא! ווען? אינמיטן חשון? סוכות שני? יא? ווער ווייסט? אפשר!

נו! וואס זאגט איר צו אזא זיסער דמיון... איר זענט גרייט אויף נאך? מיר קענען אריינקריכן לאו דווקא אין די צייטן פונעם מדבר, לאמיר טראכטן ווי אזוי עס קען זיך אויסקאכן א "חנוכה שני"... א שבועות שני, יעדער יום טוב "שני" של גליות.

וואס זאגט איר וועגן "ראש השנה שני"? נישט בייגעפאלן! הע? וואלט געווען גאנץ אינטערעסאנטליך! נישט שלעכט תקיעת שופר אינמיטן חשון, ווער רעדט נאך א ברסלבער... אוטש! אומאן 'מיט א באן צו מיט אן עראפלאן', ראש השנה שני ביים רבי'ן... א' מרחשון... דער רבי קומט אריין געבן דעם פתיחה דרשה... האלב ישיבה פעלט... וואס גייט פאר? "ראש השנה שני"... דאס קען אויפרעגן, אנהייב זמן נו? הע?

אוהה! יום כיפור שני, אינמיטן די הו הא פון לויפן מאכן געלט, קאַרס פייפן עס טוט זיך, מען קומט און גייט, פלוצלינג שטארצט ארויס דארט איין אידל, ער שפאצירט זיך מיט די קרא"ק'ס, אנגעטון אינעם קיטל, אויפן קאפ דער ווייס פארגעלטער קאפל, דער טאביק פישקעלע אין איין האנט, דער מטה לוי אינעם צווייטן האנט, איין מינוט וואס ליגט דארט אין זעקל? יא! איר האט צוגעטראפן, דער טראדיציאנאלער לעמאן אריינגענאגלט מיט בשמים נעגעלעך, אלע וואלטן געוואלט א סעלפי מיט דעם איד, ער ווייזט אבער מיט די פינגער נא! נו! אזא הייליגער מאמענט כל נדרי, "יום הקדוש שני", אז די כח הדמיון ארבעט, נו ווער לאזט דיך נישט.

איך וואלט געגאנגען ווייטער אבער איר זענט שוין אומגעדולדיג, איר וואלט אפשר געוואלט הערן וועגן "פורים שני", דא קענסטו שוין אפשר מער קאנעקטן, פורים איז דאך א יום טוב וואס קיינער וויל נישט פארפאסן, נו! מאכט זיך, זאל זיך נישט מאכן, איך בין אריינגעפאלן אין א דערפל, אין איינע פון די שטאטן, מען זעט דארט נישט קיין איד פאר די אויגן, וואפפ... איך געב מיך א כאפ ביים קאפ, אוי! עס איז דאך תענית אסתר היינט, ווי בין איך אויף די וועלט וואס וועט זיין מיט קריאת המגילה, מיט משלוח מנות, מתנות לאביונים, די פרייליכע פורים'דיגע גאסן, אפגערעדט



ציור: וקסברגר



פארפאסט די מאביל'ס... דאס איז דאך ממש טשיילד אביוז... פורים אין די מרחקים, ווער קען זיך דען אויס'משל'ן די מער פון אזא איד, עיניהם של עניים נשואות במקרא מגילה, קינד און קייט ווארט מיט בענקשאפט א גאנץ יאר, מען קוקט ארויס אויף דעם ליסטיגן יום טוב פורים.

אבער עס איז אירעלעוואנט, פורים שני קומט נישט אין באטראכט בכלל, עס שטימט נישט געאגראפיש... ווייל עס קומט אויס פסח, אין מערבין שמחה בשמחה, אבער באמת פורים איז נישט אזא רחמנות, ווי נישט האט שוין באקומען דאס זייניגע, עס איז דאך דא יעדע דריי פיר יאר א פורים קטן, טאקע א חודש בעפאר אבער עס האט זיך זיינע בענעפיטן.

אבער אנדערע ימים טובים, נו א איד האט פארפאסט, פארפאסט איז פארפאסט, געענדיגט, מען דארף זיך ריקן אין לעבן, ווי זאגט יענער, אברהם האט פארפאסט שחרית, יצחק מנחה, יעקב מעריב, און איך... נעבעך פארפאסט אלע דריי... פארפאסט איז פארפאסט, מען גייט ווייטער.

אויב אזוי הייבט זיך טאקע אן די קשיא אויב פארפאסט איז פארפאסט נו וואס האט פסח זוכה געווען, אידן זענען געווען טמאים לנפש אדם, און זיי האבן פארפאסט דעם גאנצן פסח, זיי קומען צו משה רבינו אוי! טייערע רבי! מיר זענען אזוי טיפליך צעבראכן, למה נגרע לבלתי הקריב קרבן השם, מיר האבן פארפאסט די הייליגע טייערע קרבן פסח, פארוואס זענען מיר ווינציגער פון יעדן איד, וואס זענען מיר שולדיג אז מיר זענען געווען טמאים לנפש אדם און מיר האבן נישט געקענט מקריב זיין די קרבן פסח, די שאלה בלייבט הענגען אין די לופט, נאטירליך וואס וואלט געברויכט זיין די אנטווארט פונעם רבן של ישראל, טייערע אידן איך האב מיט אייך זייער מיטלייד, איך האב אויף אייך זייער רחמנות, איך זע אייער הארץ, אבער פסח איז אריבער עבר זמנו בטל קרבנו, עס איז געענדיגט, נעקסט, איר מוזט ווייטער אנגיין אין לעבן, מען קען נישט צוריקרוקן דעם זייגער.

אבער דא זעט מען א מורא'דיגע פלא'דיגע מעשה, משה רבינו זאגט זיי, א מינוט! ווארט צו! "עמדו ואשמעה מה יצוה השם לכם", שטייט דא לאמיך אנפרעגן ביים אייבערשטן וואס מען טוט דא, און צו אלעמענס ווינדער, עס איז באשאפן געווארן א נייע תורה, א נייע מצוה, א נייע דערהער, דאס לעצטע וואס א מענטש זאל קענען טראכטן האט פאסירט, "וידבר השם אל משה לאמר איש איש..." די גאנצע פרשה, פון היינט און ווייטער יעדער מענטש וואס וועט זיין ווייט פון בית המקדש, אדער געווען טמא און וועט נישט קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח, עס איז דא א "פסח שני" וואו! עס איז נולד געווארן א נייער יום טוב, י"ד אייר וועלן די אלע קענען קומען אין מקריב זיין דעם קרבן השם.

עס כאפט טשילס ווען מען טראכט אריין דערין מיט א אויסגעריטע קאפ, עפעס ליגט דא, עפעס א אוצר ליגט דא אינעם פסח שני, עפעס א אויסערגעווענטליכע לימוד לערנט אונז דער פסח שני, איך וועל אייך זאגן נאכמער עס ווינדערט נישט אזוי שטארק די תשובה וואס זיי האבן באקומען, עס ווינדערט סאך מער די גאנצע געזעמל אידן וואס קומען צו משה רבינו, דאס בכלל אויפברענגען, וואס איז די שאלה בכלל? איר האט פארפאסט פסח, געגאנגען ווייטער, וואס האבן זיי געטראכט אז משה רבינו גייט טון, ווי קומט דא בכלל אריין די שאלה, עס הערט זיך זייער זייער מאדנע, וואס פונקטליך האבן זיי געוואלט אז משה רבינו זאל זיי ענפערן.

און דער אמת איז, די קשיא איז די תירוץ.

***

מאמי שרייט מיין קליינער ווי איז די באס, בעט דעם אייבערשטן וועט די באס קומען, אה מען זעט די באס, אה א מעשה פון תפילה די באס איז דא. נאך א מזל אז דער למדן הערט נישט די קאנווערסעישין, ער וואלט צופיקעוועט געווארן, וואס הייסט א מעשה פון תפילה, די באס איז דאך געווען א גאס אוועק, ווי קומט דא אריין "א מעשה פון תפילה", מילא ווען די באס איז צובראכן און עס פארט בכלל נישט און מען בעט דעם אייבערשטן אז די באס זאל פארן, שוין דאס איז א מעשה פון תפילה אבער א זאך וואס עס איז אונטערוועגנס, און עס קומט עס איז דאך נישט ארויסגעפארן דורך דיין מעשה פון תפילה.

***

ווי... קומט... עס... דא... אריין...

ווארט! איך וועל דיר מסביר זיין, ווען עס קומט צום אייבערשטן, ווען עס האנדלט זיך וועגן אמונה, מצוות, תשובה, תפילה, דארט איז נישט דא קיין חשבונות, עס איז נישט דא אזא זאך, איך וועל פרעגן א שאלה: "רבותינו, כזה וכזה המעשה, קען מען אויף דעם בעטן? נישט דא קיין שאלות, אז עס טוט ווי, אז עס באדערט, גייט מען צום צדיק, מען גיסט זיך אויס דאס הארץ, איי וואס זאל פונקטליך געשען? איך ווייס נישט, און... עס אינטערעסירט מיך נישט, בפרט ווען א מענטש האט פארפאסט קדושה, ער איז ליטערלי טמא לנפש אדם חס ושלום, קיינער קען דיר נישט זאגן יעצט: אהובי ידידי וואס איז דאס פרעגן? וואס איז דיין חשבון? וואס האקסטו אין טשייניק מיט דיינע שאלות, לויף!



שריי! טענה! איי וואס איז דיין טענה? וואס פונקטליך זאל געשען? עס איז נישט דא קיין חשובונות יעצט, עס איז יא דא א תקנה? עס איז נישט דא קיין תקנה? אז עס טוט וויי! אז מען פילט דערנאך! אז מען פילט זיך פארפאסט! אז מען פילט זיך ווייט! טראכט נישט! פלאג אויס די שכל יעצט! טו איין זאך: שריי! טענה! שריי צום אייבערשטן "אוי! למה נגרע"! פארוואס איז יענער א צדיק און איך בין אין דער ערד? אז דו טראכסט אריין קומט גראד אריין די שאלה וואס הייסט פארוואס, אין די צייט וואס יענער האט געהארעוועט האסטו דיך מטמא געווען, איז וואס שרייסטו, וואס דרייסטו איבער, וואס האט יענער געטון און וואס טוסטו? וואס איז די טענה "למה נגרע" דער ערליכער איד האט געהארעוועט זיין לעבן, ער האט געלערנט געדאווענט, געהיטן די אויגן, דו האסט געטון וואס דו האסט געטון, עס איז אויף! זאגט מען אין ענגליש... דאס איז דיין גורל דאס איז דיין חלק, נעקסט טיים טו נישט.

דאס איז די לימוד פאר אונז, ניין עס איז דא א פסח שני, עס איז דא א צווייטע שאנס אנצוהייבן, אבער נישט אנהייבן כאילו עס איז שוין געווען עפעס, ניין! כאילו לא היה!

איך בעט דיך מיין ליבער טייערער, הער אויף יעצט די רגע צו טראכטן! און טו דאס וואס די אידן אין מדבר האבן געטון, עס האט זיי וויי געטון זענען זיי געלאפן און געשריגן! און קוק וואס עס איז ארויסגעקומען דערפון, קוק וואס עס איז געשען דערפון א נייע מצוה איז באשאפן געווארן.

דאס איז א לימוד פאר דיר טייערער איד! ביסט טמא, ביסט בדרך רחוקה, ביסט אין א ווייטע וועג ווייט ווייט ווייט פון קדושה, ווייט ווייט ווייט פון יעדען שכלדיגע וועג צוריקצוקומען צום אייבערשטן, דו שריי! רעד ארויס א ווארט צום אייבערשטן! אוי! טאטע זיסער וואס בין איך אנדערש? פארוואס קען איך מיך נישט היטן די אויגן? פארוואס מוז איך פאלן! פארוואס מוז איך טראסקענען הונדערטער שטאק אין שאול תחתית ומתחתיו? פארוואס וויל איך נאר טומאה? פארוואס קען איך מיך נישט שיידן פון מיינע עבירות? יעצט לאז נישט דער סמך מם דער למדן לערנען מיט דיר הלכות תפילה, הלכות תפילת שוא, הלכות תשובה הלכות נארמאלקייט! ניין! דו שריי און שריי! און וואס גייט געשען, נישט נאר דו וועסט זוכה זיין צו וואס דער צדיק איז נישט זוכה, צו א נייע תורה, א נייע יום טוב, נאר גאנץ כלל ישראל לדורות עולם וועט פון דעם בענעפעטירן.

ווי אזוי? מיטן נישט כאפן, מיטן זיך שטעלן א פנים פון א תם, מיטן זיין אזא מענטש וואס דער בייזער למדן קען נישט פארליידן, יא! אזוי! די מאדנע שאלה "למה נגרע" דאס ברענגט אונז א נייע בילד אויף אלעס.

קוק גוט אן די פרשה פון פסח שני און טראכט גוט אריין דערין, איך וועל דיר זאגן נאך מער, עס קען זיין אז עס זענען געווען אידן יענע צייטן וואס האבן אויך פארפאסט יענער פסח, אדער זיי האבן פארפאסט אנדערע מצוות אנדערע זאכן, אבער... זיי זענען נישט געקומען, זיי האבן נישט געשריגן, זיי האבן געטראכט: וואס קען מען שוין טון? עס איז סיי ווי נישט דא וואס צו טון! און מיר זענען טאקע געבליבן נאר מיט דעם איינעם פסח שני, ווי אזוי? פון זייער זייער א נישט שכל'דיגע ווייגע געשריי! א ווייגעשריי וואס סתם אזוי וואלט עס געדארפט אנגעקוקט ווערן ווי א נערישע אומ'שכל'ידע געשריי! אוי איז דאס ציפעדיג! אוי איז דאס א טרייסלדיגע לימוד!

נו! וואס זאגסטו? א סוכות שני וועט שוין נישט זיין אבער א "אדם שני" א נייער מענטש מיט נייע כוחות דאס וועט שוין יא זיין! אויב? אויב דו וועסט נישט טראכטן נאר בעטן און בעטן מ'בעטן' שאול שועתי, פונעם טיפן אפגרינד וועל איך צו דיר שרייען טאטע! דעמאלט וועט פאר דיר באשאפן ווערן נייע וועלטן.

# היכל הקודש נייעס

**מירון**

## הכנות אויף ל״ג בעומר תשפ״ג הבא עלינו לטובה



ווי יאר יערליך גרייטן זיך אידן אויף דעם הייליגן טאג ל״ג בעומר, די יארצייט פונעם הייליגן תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי, עס קומען צו פארן קיין מירון אידן פון די גאנצע וועלט, אויסצופועלן ישועות און רפואות פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

אויך טייל פון אנשי שלומינו וועלן זיך אריבערכאפן קיין מירון אין דעם גרויסן טאג, צו בעטן פאר ישועות בגשמיות וברוחניות. אבער די שיינקייט פון אנשי שלומינו איז, אז זיי קומען נישט צו רבי שמעון מיט ליידיגע הענט, זיי ברענגן א שיינע מתנה פאר רבי שמעון, דאס איז די פולע בלעטער זהר הקדוש וואס מען האט געלערנט במשך די יאר, דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א זיסער דרך הלימוד, א וועג צו לערנען און אדורך גיין אלע ספרים הקדושים, וואס מיט דעם וועג קומט מען אן צו אלע הייליגע ספרים וואס איז נאר דא, וואס זייער אסאך קומען נישט אן צו לערנען איין מאל במשך דעם לעבן, אבער מיטן גרינגן וועג פון לערנען, אז מען דארף נישט גלייך פארשטיין וואס מען לערנט, דאס עפענט א וועג צו לערנען יעדן ספר וואס איז נאר דא.

און דאס מאכט אז אנשי שלומינו זאלן זיך אויך צוכאפן צו לערנען א גאנץ יאר זהר הקדוש מיט די תיקונים, און מיט דעם קומט מען צו רבי שמעון, און אזוי פועלט מען אסאך בעסער.

און אוודאי געט רבי שמעון צוריק געוואלדיגע מתנות פאר אלע וואס קומען ביומא דהילולא, און אפילו ווער עס געפונט זיך נישט דארט - פלעגט מוהרא״ש שטענדיג זאגן - קען זיך מקשר זיין דורכ׳ן לערנען זהר הקדוש וואו אימער מען איז, און דארט בעטן אלע בקשות וואס מען דארף.

אויך דער ראש ישיבה וועט זיין מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף אין מירון און בעטן פאר אלע תלמידים און פאר גאנץ כלל ישראל.

דער ראש ישיבה האט זיך ארויסגעלאזט קיין מירון א וואך פריער, כדי צו קענען זיין אין מירון אויף פסח שני, און פראווען די בר מצוה פון הבחור נחמן נתן נרו יאיר א זון פונעם ראש ישיבה שליט״א, די בר מצוה קומט פאר אין בית המדרש פון קארלסבורג אין מירון.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל פועלן אלע ישועות פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

**בראכפעלד**

## א יאר פון דעם שיינעם פינת יקרת אין שטאט



אין די טעג איז געווארן א יאר פון ווען מ׳האט אוועק געשטעלט דעם ׳פינת יקרת׳ אין שטאט בראכפעלד מיטן עפענען דעם בית המדרש היכל הקודש אין שטאט.

אנגעהויבן האט זיך דער בית המדרש פאר צאמקומען אינמיטן די וואך, שפעטער אויך פאר שלש סעודות, צוביסלעך איז זיך ברוך השם צעוואקסן אויף א שיינע פארנעם, מיט פרישע מקורבים, וואס ווילן פאלגן די עצות פון הייליגן רבי׳ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז.

היינט צו טאגס איז דער בית המדרש אפען אלע דריי תפילות שבת, אזוי אויך איז עס אפען אלע ימים טובים, ווי פסח סוכות און שבועות אפילו פורים איז פארגעקומען אלע תפילות מיט קריאת המגילה.

יעדע נאכט קומט פאר א שיעור אינעם דף גמרא וואס איינע פון די חברים לערנען פאר בטוב טעם ודעת.

אזוי אויך יעדע מיטוואך נעמט מען זיך צאם צו הערן א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א און זיך מחזק זיין מיט שיחת חברים.

עקסטער דארף ווערן ארויסגעברענגט די שטארקע הפצה וואס מען מאכט אין שטאט בראקפעלד, יעדע וואך טיילט מען אויס הונדערטער גליונות אין אלע שול'ן אין געגנט, וואס הונדערטער אידן זענען זיך מחי' און האבן חיות אנצוגיין פאר די גאנצע וואך.

אזוי אויך איז געווארן אראפגעשטעלט אין בית מדרש א "הפצה ווינקל" ווי מ'קען קויפן ספרים און קונטרסים, סידים און נאך.

**קרית יואל**

## הפצה פארברענגע אין קרית יואל צייכענט אפ ערשטע יאר מיט הצלחה



אין די טעג ווערט אפגעצייכנט א יאר פון די שיינע הפצה פארברענגען אין קרית יואל, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט א יאר צוריק נאך פסח, ווען יעדע וואך קומען זיך צוזאם א שיינע ציבור אין בית המדרש היכל הקודש אויף העיס קט. ווי דער גבאי הר"ר יואל פארקאש שליט"א לערנט צום ערשטער פאר א שיעור אינעם הערליכן ספר "פעולת הצדיק", און דערנאך ליינט מען פאר א בריוו פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אין אשר בנחל, און א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א אין "עצתו אמונה" וואס איז מחזק און מחי' געווען די באטייליגטע.

דערנאך איז אלץ דא שיינע שיחת חברים, מען שמועסט און פארציילט פארשידענע שיינע עובדות פון אנשי שלומינו, וויאזוי מען דערהאלט זיך מיטן רבינ'ס עצות, און מעשיות פון תפלה ווי מען בעט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך און דער אייבערשטער הערט צו און העלפט.

א שטארקע דגוש ווערט געלייגט אויף הפצה, מען פארציילט שיינע מעשיות פון הפצה - מען איז זיך מחזק אז מען זאל נישט זיין סעלפיש צו האלטן דעם סוד פון די גוטע לעבן וואס דער רבי גיבט אונז פאר זיך, נאר מען זאל יעדער אויף זיין אופן זוכן וויאזוי ער קען מפיץ זיין די הייליגע ספרים און דרשות. מען הערט כסדר צוריק ווי די הייליגע מפצים ראטעווען אידן און גאנצע משפחות וואס האבן זיך געדראפעט אויף די גראדע ווענט, און א דאנק הפצה האבן זיי געטראפן דעם צדיק וואס האט געראטעוועט דעם מצב, און צוריק געשטעלט אידישע שטובער.

יעצט איז געווארן א גאנצע יאר מיט גרויס הצלחה, ווי מען קומט זיך צוזאמען יעדע דינסטאג נאכט אום 8:45 און מען איז זיך מחזק מיטן רבינ'ס דיבורים, ביז 9:45 ווען מעט דאווענט מעריב בציבור.

**וויליאמסבורג**

## אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארעם צו קענען דרוקן חלק ח' פון עצתו אמונה



אין די טעג גרייט מען זיך צו דרוקן דער קומענדיגן באנד פון עצתו אמונה וואס האלט שוין ביי חלק ח' וואס אנטהאלט די פילע בריוו און שאלות ותשובות געשריבן דורכן ראש ישיבה שליט"א.

אומצאליגע אידן און גאנצע משפחות זענען שוין געראטעוועט געווארן מרדת שחת ברוחניות ובגשמיות דורך די בריוו פון עצתו אמונה, דער ראש ישיבה שליט"א לאזט זיך אראפ צו אונז פשוטע מענטשן און ברענגט אין אונז אריין האפענונג, קרבת אלקים, און עצות צו קענען אנגיין מיט'ן לעבן טראץ אלע שוועריקייטן.

דער גרויסער זכות פון העלפן דרוקן דעם הייליגן ספר איז אין לשער, יעדע נדבה וועט צוניץ קומען פארן נותן בזה ובבה, ער האט א חלק אין דערנענטערן אומצאליגע אידישע קינדער צום אייבערשטן און זיי ארויסהעלפן טאג טעגליך אז זיי זאלן האבן א בעסערע און זיסערע לעבן מיט די ווייב און קינדער.

מען קען געבן נדבות דירעקט פארן ראש ישיבה שליט"א (און אויפשרייבן אויפן ענוועלאפ "עצתו אמונה חלק ח'"), אדער קען מען איבערגעבן די נדבות פאר מו"ה ישעי' איידליס שליט"א, מ'קען אים רופן אויף 347-831-1391.



# שטעטל נייעס

## בית המדרש היכל הקודש ירושלים אין שטעטל




מען רעדט שוין פאר א לאנגע צייט אז אט אט גייט זיך עפענען א פרישע געגענט אין שטעטל, וואס איז אויף די טווין ברידזש גאס. אבער ווי מען האלט יעצט איז דאס נאכנישט גרייט צו קענען זיך ארייינציען, צוליב דעם וואס די עלעקטער קאמפאני מאכט פראבלעמען מיטן געבן עלעקטער פאר דעם גאס, די איינציגסטע זאך וואס פעלט אויס איז "תפילה" נאר דאס וועט העלפן עס זאל זיין עלעקטער און מען זאל זיך קענען אריינציען.

די גאס אנטהאלט זיבן בנינים, 6 קלענערע און איין גרויסע בנין, דער גרויסער בנין וועט האבן אויפן ערשטן שטאק א הערליכער גרויסער בית המדרש, מיט א פיינעם מקוה, וואס איז נתנדב געווארן דורך מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו לעילוי נשמת זיין אומפארגעסליכן שוועסטער וואס איז לעצטענס אוועק שרה שמחה בת ר' יצחק ע"ה.

אין די טעג רישט מען צו דעם בית המדרש מיט אלע צוגעהערן וואס פעלט זיך נאר אויס, ווי טישן און בענק, סידורים, חומשים, תהילים, און נאך, כדי עס זאל זיין גרייט אין באניץ גלייך ווען עס באקומט לעקטער, אזוי אויך הערט מען אז דער ראש ישיבה האט אין די טעג געשטעלט א גבאי פארן בית המדרש האברך מו"ה הערשל בוים הי"ו פון די חשובע כולל אינגעלייט.

דער בית המדרש איז א שיינע גרויסער רחבות'דיגער בית המדרש מיט פלאץ פאר איבער הונדערט מענטשן. מיטן עפענען דעם בית המדרש וועט שוין זיין אין שטעטל א סך הכל פון זיבן בתי מדרשים.

די ערשטע בית המדרש איז אויף האשקי, אינטערן שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א.

די צווייטע איז בית המדרש "אשר בנחל" אויף די דענמאן גאס.

די דריטע איז בית המדרש "עצתו אמונה" אויף די טווין ברידזש גאס, אינטערן שטוב פון מו"ה יואל שניצלער הי"ו.

די פערטע איז בית המדרש "מקור השמחה" אויף די מארקס גאס, אינטערן שטוב פון מו"ה רפאל פורסט הי"ו.

די פיפטע איז בית המדרש "פעולת הצדיק", אויף די רעדקליף גאס. האברך מו"ה ישראל סאמעט הי"ו האט אוועקגעגעבן זיין סטארידש פאר דעם צוועק.

די זעקסטע איז בית המדרש "ליקוטי מוהר"ן" אינעם חדר בנין אויף 33 טשעסנאט.

און גאר בקרוב וועט זיך מיטן אייבערשטענ'ס הילף עפענען די זיבעטע בית המדרש אויף די ירושלים גאס.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון דעם ווינקל זאל ארויס שיינען א לעכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט, מען זאל זיך קענען דארט מחזק זיין מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן וואס לערנט אונז וויאזוי צו לעבן א פיינעם געשמאקן לעבן מיטן אייבערשטן.

אז מען רעדט שוין פון די פילע בתי מדרשים וואס איז דא אין שטעטל, איז אינטערסאנט צו באמערקן די פילע בתי מדרשים היכל הקודש וואס געפונען זיך ארום די גאנצע וועלט (בייגעלייגט קען מען זען די ליסטע פון אלע בתי מדרשים), ווי אויך קען מען זען די ליסטע ביים צווייטן עמוד פון יעדן קונטרס.



# וואו לייגט מען די שטרימפעלעך?

משה אורי' שניטצלער

זייט נישט ברוגז אבער איך בין אביסל אבסעסד מיט שרייבן פון מיינע זומער'ס אין ברסלב.

תשע"ז, תשע"ח, תשע"ט זעמיר געווען ביי לעפקאוויטש.

תש"פ איז געווען די ערשטע זומער וואס די ראש ישיבה איז געגאנגען אין שטעטל.

תשפ"א בין איך געווען ביי מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו, מלמד מומחה בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, קרית ברסלב, ליבערטי, ניו יארק

תשפ"ב בין איך געווען אין "מחנה אילן החיים" שעל ידי מוסדות היכל הקודש ברסלב.

ווען מ'האט זיך גענומען גרייטן צום זומער תש"פ, איז געווען "דעי זשא ווא" ווי מ'זאגט עס אין פראנקרייך, איך בין צוריקגעפאלן צו תשס"ט ווען די גאנצע הכנה צום זומער איז געווען אונטער א וואלקן פון אומקלארע מעלדונגען.

וואו גייט די ראש ישיבה זיין? אויב איך וויל מיטהאלטן אלעס אזוי ווי די לעצטע עלף יאר, דארף איך רעדן צו וועם? דארף איך גיין וואו?

איין זאך איז געווען זיכער, אז ס'איז דא א מאנגל אין פלאץ. נו, ווער יא? ווער נישט?

די טעג לויפן און איך זע נישט קיין וועג צו דינגען א פלאץ צו זיין מיט די ראש ישיבה..... אזוי ווי די אלטע שפריכווארט, ווער ס'ווייסט רעדט נישט, און ווער ס'רעדט ווייסט נישט.......

וואס טוט מען?

מ'האלט שוין זונטאג פאר קאנטרי און עס איז שרעקעדיג צו טראכטן אז לויט וואו ס'האלט יעצט וועל איך קענען ציילן פון מיין דיינונג רום פענסטער וויפל קארס פארן דורך בעדפארד קארנער מורטל עווענ[י]ו אין א פאלנעם ברייטיגן זומער טאג.

שוין מאנטאג און גארנישט רירט זיך נישט.

איך און מיין גאנצע משפחה הערן נישט אויף צו בעטן "הייליגער באשעפער העלף אונז זאל מיר זיין זומער אין ברסלב"

פלוצלונג מיטוואך הער איך עפעס אז די הנהלה פון שטעטל האט ארויסגעגעבן א ווארענונג אז קיינער טאר נישט דינגען אדער פארדינגען א פלאץ אן דעם וואס דער שוכר זאל עס זען. דאס האט די הנהלה געטון צו פארמיידן טענה'רייען, האסט מיר יא געזאגט דאס, האסט מיר נישט געזאגט יענס. קום אליין, און זע עס מיט דיינע אויגן און מאך דיין אייגענע החלטה.

עפעס האט מיר געזאגט אין די בעק און מיי מיינד, אז דאס גייט זיין מיין "לופ-האול", איך גיי סאמהאו מאכן אז דער באפעל זאל מיך ארייננשמאגלען צו זיין דעם זומער אין ברסלב.

ווי אזוי?

דאנערשטאג צופרי שטיי מיר אויף, ווי עס זעט יעצט אויס, וועט ווילאמסבורג מיך האבן פארן זומער. אבער דאס קומט נישט אין באטראכט. מיר קענען נישט פארציכטן אויף די הערליכע באטע'ס פרייטאג צו נאכטס. מיר זענען נישט מוותר אויף די שלש סעודות תורה. און אודאי' קענען מיר נישט דערלאזן אז די קליינע קינדער זאלן נישט זיין מיט די ראש ישיבה ביי' מלוה מלכה.

איך הייב אן צו דערשפירן, צו דערשנאפן, צו דערגרונטעוועז, ווער בכלל האט עפעס א שטובעלע צו פארדינגען? א צימערל, א בוידעם, א כאטקע, א לאטקע, א ליידיגע לאט מיט א בלויע שלאק צוגעבינדן מיט א צאמגעדרייטע מקוה-האנטעך צו א



סטעישן וועגן, עפעס! סיי וואס, נאר לייג מיך אין ברסלב!

פלוצלונג בין איך דערגאנגען אז ס'איז דא א בעיסמענט אויף גארדן האוז ביים טייכעלע, דארט וואו מו"ה יצחק אהרן הי"ו איז דעמאלטס געווען.

אבער! אבבבעררררר! מ'קען נישט דינגען אן קוקן בעפאר!!

שוין! מ'גייט קוקן! אבער נישט סתם קוקן, נאר מ'גייט רופן א גרויסע ווען פאר פיר הונדערט דאלער, אריינשמייסן אלע אייער-באקסעס, מיט אלע בייקס, סקוטערס, קערידזשעס, טאוסטערס און ביגלאייזנס, נאדלעך און דראטלעך, קנעפלעך און קרעפלעך, בעזעמעס און שאווועלעך, שפיגעלעך און ריגעלעך, עפלעך און טעפעלעך, צווענגלעך און געהענגלעך, דריידלעך און קניידלעך, קיכעלעך און ביכעלעך און טיכעלעך. מ'גייט "קוקן"! שריי נישט! איך פאר נישט אין קאנטרי! איך פאר צו "קוקן"!

כחצות הלילה זעמיר אנגעקומען צו גארדענהאוז, "געקוקט" די פלאץ, אראפגעלייגט א שיינע מטבע פאר'ן הויז אייגנטומער, און צופרי זעמיר אויפגעשטאנען אין ברסלב!!!!

אוי איז דאס געווען א זומער!

עד היום האב איך א גרויסן הכרת הטוב פאר אונזער טייערע חבר, דער הויז אייגנטומער, פאר מיך אריינעמען, אלע שיינע דרשות וואס איך האב געהערט יענע זומער בין איך אים דאנקבאר. ווען נישט אים, וואלט איך געקענט א גאנץ זומער אנפולן מיינע לונגען ביי די בעק פון די סיטי באס אויף בעדפארד קארנער מורטל.

אויסער מיין טייערע שכן יצחק אהרן הי"ו האב איך געהאט דארט נאך א טייערע שכן, טיר ביי טיר, דעם טייער'ן מפיץ מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו דער אייניקל פון דעם גרויסן גדול, איש צדיק תמים, הגאון רבי שמואל בירנבוים זכותו יגן עלינו, ראש ישיבת מיר, וואס איך פלעג אליין זען זיין התמדה, איך בין געזיצן אין מיר פון צען צופרי ביז זיבן ביינאכט און כ'האב געזען א דוגמא פון "לא פסיק פומיה מגירסא".

הגאון רבי שמואל איז געווען אן איידעם פון דעם באוואוסטן גדול רבי אברהם קאלאמאנאוויטש זכרונו לברכה וואס איז געווען אויסערגעוועונליך בידידות מיט רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, עס איז באוואוסט אומצאליגע מעשיות וועס ער האט געהאלפן דעם רבינ'ס תלמידים וחסידים מיט וואס נאר ער האט געקענט. מיין ערשטע אלול אין ישיבת מיר האב איך געהערט א "אלול מוסר שמועס" פון זיין זון רבי שרגא משה זכרונו לברכה דער משגיח אין מיר, ס'האט געשניטן אין די ביינער!!!!

און אודאי נישט פארגעסן אז יענע זומער האט מיר דער אייבערשטער געהאלפן אז איך האב געמאכט א שידוך מיט איינע פון מיינע קינדער, שכח אייבערשטער פאר אלע נסים!

ביי די לחיים זאגט מיר מיין טייערע מחותן אז ער איז נישט מוותר! עס מוז זיין א חתונה פון א מיליאן דאלער אין הילטאן האטעל......... מ'האט פיין געטריבן שפאס פון די "נארמאלע מענטשן" וואס מאכן א "נארמאלע" חתונה פון "נארמאלע" געבארגטע געלט...... מ'האמיר פיין ארומגעלאכט פון די "נארמאלע חובות" און די "יאנטשי" "דיפרענט" "אינטרעסטינג" ברסלב'ע מענטשן וואס מאכן א חתונה אין שול א-ו-מ-ז-י-ס-ט!



הגאון רבי שמואל בירנבוים זצ"ל

א-ו-מ-ז-י-ס-ט!

א-ו-מ-ז-י-ס-ט!

אומזזזזיססססטטטט!

גראדע האט מען אויך געשמועסט אז ס'איז פארהאן חתנים און כלות וואס זייער גאנצע חתונה האבן איז נאר פאר די "שאו" פון זיין "אויף סטעידזש" פון די לחיים/ווארט, ביז נאך די שבע ברכות. ווען ער וואלט געקענט אוועק ווארפן זיין ווייב אין א טונקעלע דאמפ-יארד און נישט הייסן א גרוש וואלט ער עס געטון א טאג נאך שבע ברכות. נאר ער טראכט אז ס'איז נישט אזוי פאפולער צו הייסן א גרוש, לעבט ער א "סטאק" לעבן. ער פילט אז ער איז "סטאק" מיט זיין ווייב. אוי א רחמנות אויף אזא "נארמאלע" חתן אדער כלה וואס די גאנצע זאך איז אבי צו האבן א שטריימל און נישט קיין הוט. אבי נישט צו הייסן די לעצטע אלטער בחור פון די קלאס.

עטליכע וואכן נאך סוכות האמיר שוין געהאלטן אין א גוטע שעה נאך די חתונה, נאך שבת שבע ברכות, ולא נודע כי באו אל קרבנה....... כ'האב בכלל נישט געפילט פינאנציעל איבערגעשטרענגט.

אבער ס'איז נישט נאר די חתונה נאכט אומזיסט. איך קויף נישט קיין פורניטשער.

וואאאאאאאאאאססס? חתונה האבן אן פורניטשער?!!!

עס ווענדט זיך, אויב ביי דיר מיינט פורניטשער צוואנציג טויזנט דאלער



פאר א קלאץ פון איטאליע וואס צווינגט מיך צו נעמען א גרעסערע דירה און צאלן א העכערע רענט ווען די גלאנציגע ליידיגע לעדלעך דעמאלטס וועט זיין גוט אן דעם.

אויב מיינט פורניטשער א קליינע שאפע / דרעססער מיט זעקס לעדלעך וואו צו לייגן די אונטער-העמדלעך פון אונזער טייערע חתן בחור, איז פאראן ביי די אומות העולם א רייכער מאן מיט׳ן נאמען דזשעספער בראדין, ער האט פינעף הונדערט סטאר׳ס מיט׳ן נאמען "אייקיע". ער לייגט אריין גרויס הארעוואניע אז די ברסלב׳ע חברה זאלן האבן וואו צו לייגן זייערע שטרימפעלעך.

כ׳האב געספענדט אפאר הונדערט דאלער ביי אייקיע און א כפרה מיט די נארישע איטאליענישע קלאצ׳יגע פערניטשער. אויב וויל איך דוקא האבן חובות קען איך טרעפן בעסערע זאכן ווי ליידיגע גלאנציגע לעדלעך וואס מ׳דארף צאלן רענט פאר די פלאץ וואס ס׳נעמט אויף.

די מעשה מיט די פורניטשער איז בכלל נישט קיין וויץ! מיין טייערע זון מו"ה הערשל הי"ו האט געצאלט פאר דריי יאר צוריק אין וויליאמסבורג טויזנט דאלער רענט! יא! אז מ׳נעמט נישט קיין פורניטשער שפארט מען זיך אויף די רענט! די פוינט איז, אז די ביליגע חתונות אין ברסלב, דאס איז נישט "נאר" די נאכט פון די חתונה, ס׳איז נישט "נאר" די פורניטשער, נאר ס׳איז א לאנגע קייט, איינס שלעפט די צווייטע.

ברוך השם ס׳פעלט מיינע קינדער גארנישט, זיי זיצן אין ברייטע הייזער אויף אן אקער לאנד אדער מער, מיינע עלטערע צוויי זון מו"ה ישראל יוסף הי"ו און מו"ה הערשל הי"ו קענען נאך אפילו אויפפיקסן זייער בעיסמענט



רבי אברהם קאלמאנאוויטש ז"ל
מיט רביה"ק מ׳סאטמאר זי"ע

אריינצונעמען נאך א טענענט, אבער זיי זאגן אז זיי האבן גענוג געלט אזוי אויך, ס׳פעלט נישט אויס נאך א טענענט.

אז איך רעד שוין פון מיין טייערע מחותן הי"ו שאול חיים הי"ו בין איך אים זייער מכיר טוב וואס ער האט מיך זייער מקרב געווען ווען איך בין געווארן מקורב צו מוהרא"ש. ער האט מיר געהאלפן אויף יעדן טריט און שריט, הפצה, אומאן, אויך פרנסה איז דעמאלטס געווען זייער שווער און ער האט מיך זייער שטארק מקרב געווען.

זיין וועג פון הפצה איז געווען זייער זיס און שיין, די ערשטע מאל וואס ער האט מיר געגעבן "טרעינינג" אין הפצה, האט ער מיך געפירט מיט זיין ווייסע מיניוואן צו קווינס, לעבן מעין סטריט קארנער דזשועל עוועניו, מ׳פארקט די קאר, מ׳גייט צום ערשטן הויז, ער געט א קלאפ, אבער נישט סתם א קלאפ, עפעס א לענגערע קלאפ, אזוי ווי מ׳קלאפט



רבי שרגא משה קאלמאנאוויטש ז"ל

צום טאקט פון א ניגון, (די ניגון חד גדיא פון "פרחי" ענדיגט זיך מיט די ביעט). א איד מאכט אויף די טיר, מיין מחותן זאגט פון וואס די רעדע איז, מ׳גייט פאר ברסלב, דער איד שרייבט א טשעק פון פופציק טאלער! אזאנס! איך רייב מיר די אויגן צו איך זע גוט? א פופציקער! די ערשטע טיר! די ערשטע מאל הפצה!

אויך האט מיין מחותן זיך אפגעגעבן מיט מיר ווען איך בין געפארן קיין אומאן, ער האט מיר מסביר געווען ווי אזוי מ׳מאכט די מעיסן פלעשלעך, נאכ׳ן קאכן די זופ לייגט מען עס אין די מעיסן דזשאר, די וואס האבן מורא צו ס׳וועט זיין גענוג שטארק פארמאכט, קאכן עס נאכאמאל אין די מעיסן דזשאר פאר נאך צוויי שעה, אזוי האמיר געטון, אנגעצינדן פיר פלאמען פאר פיר מעיסן דזשארס אנגעפילט מיט זופ און פלייש, פרעגט נישט, מ׳האט געקענט שטארבן פון היץ אין מיין פיצעלע קאך אויף פען סטריט צווישן בעדפארד און לי.

כ׳האב געמוזט נעמען פיר, אז נאכדעם וואס איינס וועט קראכן אין די רענצל און איינס וועט אנקומען פארדארבן וועל איך בלייבן מיט צוויי קריגעלעך פון הונדלד זופ.

אויב איר וועט איינמאל הערן די גאנצע מעשה ווי אזוי מ׳האט געשלעפט עסן קיין אומאן וועט איר אלע קושן די הענט פון ר׳ העניך, ר׳ יחזקאל, ר׳ שלמה, און אלע מיטהעלפערס וואס גרייטן צו די עסן אין אומאן.

שכח טייער מחותן און חבר פאר מיך אריינטרעינען אין הפצה.

איך האב עס געהערט פון מוהרא"ש פאר פינעף און צוואנציג יאר צוריק, און ס׳איז ווארן און האפטיג ביז היינט: ווער ס׳גייט הפצה האט אייביג געלט!



# מעשיות פון תפילה

## יואל טייטלבוים - קרית יואל:

שכח אייבערשטער דעם פארגאנגענעם שבת פרשת תזריע מצורע האב איך געהאט די זכי' צו ווײלן אין די נייע געגנט פון קרית ברסלב ליבערטי, איך האב ממש געשפירט דעם כל מי שלא ראה נייע געגענט שבת קודש לא ראה שטעטל מימיו...

שבת קודש האט זיך אנגעהויבן מיט די רעכטע פיס, אלעס איז געגאנגען געשמירט, ס'איז געפארן א מחי', ביז שבת נאכמיטאג בערך זיבן אזייגער; מ'זיצט ביי די שבת סעודה, פלוצלינג געבט זיך דער טעלעפאן א צוקלינג, פארשטייט זיך אליין קיינער האט נישט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, (שכח אייבערשטער פאר דעם, אלע מיינע קינדער היטן שבת, וואס קען זיין בעסער פון דעם?...) נאך ס'האט געענדיגט קלינגען האט אפגעהילכט א מעסעדזש ווי פאלגענד: "צוליב די שרעקליכע שטורעם ווינטן וואס זענען אויפן וועג צו ענק ווערן ענק באפוילן יעצט אריינצוגיין אין די דערנעבנדיגע בונקער כדי זיך צו באשיצן פון די טארנעידא וואס באדארף צו קומען צו ענק אין די נאנטע מינוטן, נאכאמאל, איר זענט פארבאטן ארויסצוגיין אין גאס אין אזאנע וועטערס, איר זאלט נישט זאגן אז מ'האט אייך נישט געווארנט!" עד כאן לשון ה'מעסעדזש.

די רגע די מעסעדזש האט זיך געענדיגט האט א הויכע דינער אפגעהילכט אינעם גאנצן אומגעגענט, און ס'הייבן אן גיסן אמפערס וואסער פון די הימל. גלייך קומט אריין די מחשבה 'גיין אין שול? נע... סכנות נפשות... חוץ פון וואס קיין מנין גייט נישט זיין, ווער גייט זיך שלעפן אין בית המדרש אין אזא סכנות'דיגע וועטער..' אבער איך האב דאך יא געוואלט גיין אין שול, האב איך גלייך געמאכט א תפלה: "הייליגער באשעפער, געב מיר די כוחות איך זאל קענען גיין אין שול, אפילו אין אזא וועטער, אויך העלף אייבערשטער ס'זאל זיין מנין אין שול, מ'זאל זיך קענען אנווארעמען מיט א ווארעמע שלש סעודות".

וכך הוה, דער אייבערשטער האט מיך געגעבן כוח צו גיין אין שול אפילו ווען ס'האט געזאלט זיין א טארנעידא. איך קום אן אין שול אין ס'איז דא גרויס מנין, דער גאנצער עולם איז געקומען אין שול.

מן הסתם האבן די אנוועזענדע אויך געמאכט די זעלבע מעשה פון תפלה...

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

יא, אונז זעמער צוריק מיט פרישע מעשיות פון תפלה!

א) מיין ווייב'ס רינגל איז פארשוואונדן געווארן, דאס אליין איז נישט אזא גרויסע חידוש, אסאך מענטשן פארלירן א טייל פון זייערע חפצים פון צייט צו צייט, די חילוק צווישן מיך און זיי איז אז רוב מענטשן ווען זיי פארלירן עפעס, נאך א שטיק צייט עס זוכן טרעפט מען עס ערגעצוואו, אבער מיין ווייב'ס רינגל האט מען בשום אין אופן נישט געקענט טרעפן.

ביז מיר האבן צוזאמען געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אונז שוין עפענען די אויגן און מיר זאלן עס שוין טרעפן. און פלאי פלאים, ווי נאר אונז האבן געענדיגט בעטן דעם אייבערשטן באקום איך א רוף פון מיין שוויגער אז זי האט געטראפן מיין ווייב'ס רינגל אין שאפע צווישן די קליידער.

ב) איך האב געקויפט פארשידענע חפצים אנליין, ס'האט געהייסן אז ס'דארף אנקומען אין די נעקסטע וואך, ס'איז אריבער צוויי וואכן און ס'איז נאכאלץ נישט אנגעקומען, איך האב פרובירט צו רופן די קאמפאני אבער ס'איז מיר נישט געלונגען. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען באקומען די זאכן וואס איך האב באשטעלט, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן, אפאר טעג שפעטער האב איך מיך פארבינדן מיט די קאמפאני און זיי האבן מיר געזאגט אז ס'איז בטעות אנגעקומען אין פאסט אפיס, איך קען קומען צו די פאסט אפיס עס אפנעמען.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז' אִיָּיר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה עוֹסֵק צוּ זַיין בְּהַדְפָּסַת סִפְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פוּן דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אִיךְ וֵויס אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער ס"מ שְׁפִּילְט מִיט דִיר מֶער וִוי עֶר שְׁפִּילְט מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז דִיר מַחְלִישׁ דַעַת, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִיר אוּן וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ כְּסֵדֶר, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ טְרַאכְסְט צוּ זִיךְ "אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט", בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ בִּין דָא דִיר צוּ שְׁטַארְקְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דָאס דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס רַאטֶעוֶוען הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַדְרַבָּה, יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער ס"מ אִיז דָא אוּן עֶר אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק שְׁלָאגְן מִיט נָאךְ אַ סֵפֶר דְרוּקְן, מִיט נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס פַארְשְׁפְּרֵייטְן, אוּן מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן נָאךְ אַ סִידִּי וָואס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה.

אֲהוּבִי אָחִי, דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא אַבִּיסְל וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, וִויפִיל טְרֵפָה'נֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט, דוּ וֵוייסְט אַבִּיסְל וואוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרַיין אוּן נָאר דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת וְכוּ', וְכוּ', הֶעלְפְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נָאר טְרַאכְט אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער מַאכְן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט.

זֶע אָנְצוּגְרֵייטְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט אָבֶּער מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען פָארְט שׁוֹין אִין קֶעמְפּ, אוּן נָאךְ קֶעמְפּ פָארְן מִיר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן. דָארְט קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ קִיבּוּץ אִידְן מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ - פוּנֶעם אַרוּם דֶעם גַאנְצְן גְלָאוּבּ, דַארְפְן מִיר זַיין גְרֵייט מִיט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים צוּ קֶענֶען שְׁפַּייזְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט יֶעצְט נָאכְ'ן גֶעבּוֹירְן לְמַזָּל טוֹב אַ לִיכְטִיגֶע מֵיידְל - דַארְף זִי הָאבְּן כֹּחַ. עֶס נֶעמְט צַייט אַז אַ וַוייבּ זָאל קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, אוּן וֶוען דֶער מַאן הָאט שֵׂכֶל אוּן גֶעבְּט אִיר חִיזּוּק נֶעמְט וֵוייניגֶער צַייט זִי זָאל קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת. אַז דוּ הָאסְט אִיבֶּערִיגֶע צַייט גֵיי אַהֵיים צוּ אִיר אוּן הֶעלְף אִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר. דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זֶע אִיר צוּ הַאלְטְן טַייעֶר.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# ל"ג בעומר

**נאך די טראגעדיע אין מירון שנת תשפ"א וואס פינף און פערציג אידן זענען לא עלינו צודריקט געווארן האט דער ראש ישיבה געגעבן א שמועס פאר אנשי שלומינו און געזאגט:** מיר אלע זענען זייער צעבראכן פון די שרעקליכע פאסירונג, מען זעט קלאר אז דאס איז א גזירה מן השמים, אזוינס האט נאכנישט פאסירט, דאס איז קלאר א גזירה פון הימל. אבער חס ושלום זאגן אז רבי שמעון בר יוחאי וויל נישט מען זאל קומען, חס ושלום זאגן אז ל"ג בעומר איז א טאג פארקערט פון חסד ורחמים.

וואס ווייסן מיר וואס רבי שמעון בר יוחאי ראטעוועט אלע אידן פון ביטערע גזירות.

ל"ג בעומר איז זייער א גרויסע טאג, ל"ג בעומר איז א טאג פון ישועות ביי כלל ישראל; הונדערטער יארן וואס אידן קומען קיין מירון ל"ג בעומר זיך פרייען מיט די הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי. עד היום, ביזן היינטיגן טאג ווערן אידן געהאלפן ביי רבי שמעון בר יוחאי..

די קדושת המקום אין די לעצטיגע יארן - איז מורא'דיג, די לעצטע יארן איז דא א מורא'דיגע ריינקייט; עס איז דא א ספעציעלע וועג מען זאל זיך קענען היטן די אויגן. צענדליגער טויזנטער אידן, ערליכע אידן, קומען זיך צוזאמען אן קיין תערובות, אן קיין איין שלעכטע קוק רחמנא לצלן, מען קומט זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים קבר התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, נאכדעם טאנצט מען אינאיינעם; ווי קען מען טראכטן חס וחלילה אז רבי שמעון בר יוחאי וויל נישט מען זאל קומען?! צדיקים האבן געזאגט אז ל"ג בעומר אין מירון ביי רבי שמעון בר יוחאי איז דא צוויי בחינות, אין די מערה שפירט זיך ווי יום כיפורים, און אין חצר שפירט זיך ווי שמחת תורה.

די ביטערע טראגעדיע איז א זאך וואס מיר קענען נישט פארשטיין, דאס איז א גזירה מן השמים. איין זאך וואס מיר דארפן ארויסנעמען ווען עס פאסירט אזא שרעקליכע זאך (איכה ג, מ): "נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה עַד ה'"; מיר דארפן תשובה טון, מיר דארפן זיך בארעכענען אויף אונזערע מעשים, מיר דארפן אכטונג געבן נישט צו צעקוועטשן א צווייטן איד, נישט צעדריקן א צווייטן. עס איז שוין געקומען די צייט אפצולאזן מחלוקת; אז א צווייטער האלט אנדערש - קומט נאכנישט מען זאל אים צעקוועטשן, אז א צווייטער גייט צו א צווייטער רבי - קומט נאכנישט מען זאל אים צעטרעטן.



# א מַעֲשֶׂה
## פון א צדיק

## צוּרִיק בְּרֶענְגְן מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

ווען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אִיז אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אַנְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אֵייעֶר זוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי מִיכַלֶ'ע זְלָאטְשׁוּבֶער אַז דָא אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?"

הָאט רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי".

הָאט דֶער טַאטֶע וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלֵייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, ווייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְלֵייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשְׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט".

הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה", הָאט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר ווייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק".

הָאט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "הַיְינוּ דְּאַהֲנֵי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעַשְׁ'ט זִיךְ פוּן אִים"; ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִים.

(עצתו אמונה קרח תש"פ)



בית המדרש פון רש"י הקדוש אין ווארמייזא





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

**- ל' -**

**פארזעצונג פון פריער:** אין זיינע יונגע יאָרן האָט זיך דער רבי זייער שטאַרק געאַרבעט אויף זיינע מדות און תאוות, ביז ער איז געוואָרן זייער הייליג און אויסגעאַרבעט מיט גרויס קדושה.

***

אויך האָט דער הייליגער רבי זיך זייער אַסאַך מסגף געווען אין זיינע יונגע יאָרן, מיט אַלע סאָרט שווערע סיגופים, צום ביישפּיל מיט גלגול שלג און דאָס גלייכן. דער רבי האָט געזאָגט אַז דער שווערסטער סגוף איז זיך נישט צו קראַצן דעם גוף, אַזוי ווי די נאַטור איז אַז אַ מענטש שפּירט ווי עס קראַצט אים און ער וויל זיך קראַצן, ווען מ'האַלט זיך דעמאָלט איין, מ'רירט זיך נישט פון פּלאַץ, און מ'קראַצט זיך נישט, איז דאָס דער גרעסטער סגוף.

ספּעציעל ווען מען ליגט רואיג, און מ'שפּירט יעדן קראַץ אין מח, און מ'האַלט זיך צוריק פון זיך קראַצן, איז דאָס גאַר אַ שטאַרקער סגוף.

און אַזוי ווייטער האָט דער רבי געמאַכט אַלע סאָרטן סיגופים, און אַלעס בתמימות ופשיטות, ביז ער האָט זוכה געווען צו די אַלע גרויסע זאַכן צו וואָס ער האָט זוכה געווען.

אויסער דעם האָט ער געליטן גאַר אַסאַך יסורים, ספּעציעל די יסורים וואָס רוב צדיקים האָבן געליטן דערויף, ער איז געווען פול מיט יסורים אַלעמאָל, פון אינעווייניג און פון אינדרויסן. ס'האָט זיך ממש נישט געפונען נאָך איינער וואָס זאָל ליידן אַזויפיל יסורים וויפיל ער האָט געליטן.

אין זיינע שפּעטערע יאָרן האָט ער אויך געהאַט גאַר שווערע און שטאַרקע יסורים, און ער האָט דעמאָלט געזאָגט אַז די יסורים ליגן ביי אים אין האַנט, ווען ער וויל האָבן די יסורים איז ער זיך דאָס מקבל אויף זיך, און דעמאָלט קומען די יסורים, און ווען ער וויל עס נישט האָבן, דעמאָלט גייען זיי אַוועק פון אים.

מ'האָט נאָכגעזאָגט פון רבי'ן אַז ער פלעגט זאָגן אַז ווען ער האָט געליטן די שווערע יסורים, האָט ער ממש געקענט צעבייסן אַן האַלץ מיט זיינע ציינער. אַזוי ווי דער סדר איז ווען אַ מענטש האָט געפערליכע יסורים בייסט ער מיט די ציין, האָט ער געהאַט אַזעלכע ביטערע און שווערע יסורים, אַז ער האָט ממש געקענט ביסן אַ האַלץ פון די געפערליכע ווייטאָגן.

פון אַזויפיל זיך פּלאָגן אין עבודת ה', און אַרבעטן אַזוי סאַך אויף אַלע מדות, האָט ער זוכה געווען אינגאַנצן זיך אויסצואַרבעטן, און גענצליך צעברעכן אַלע שלעכטע מדות און שלעכטע תאוות, ביז ער האָט זיך אויפגעטון אַז "ער האָט אַ ריין פּעליכל".

ס'זענען געווען צדיקים וועלכע האָבן זיך אויך אויסגעאַרבעט און צעבראָכן די תאוות, אָבער אַזוי ווי ווען מ'אַרבעט אויס אַן הויט צו ווערן אַ פּעליכל, אַפילו די הויט איז טאַקע אויסגעאַרבעט, בלייבט אָבער נאָך איבער דערויף אַ שטיקל גערוך; דאָס מיינט אַז אַפילו זיי האָבן טאַקע צעבראָכן זייערע שלעכטע מדות און תאוות, איז אָבער געבליבן עפּעס אַ זכר דערפון ביי זיי. אָבער ביי אים איז דער הויט גענצליך אויסגעאַרבעט און ריין, ס'איז נישט געבליבן קיין שום שלעכטע גערוך, ס'איז נישט געבליבן קיין זכר פון עפּעס שלעכטס.



גלגול שלג

דער רבי האָט געזאָגט אַז מ'דאַרף זיך אויסאַרבעטן דעם גוף און צעברעכן די תאוות, אַזוי ווי מ'אַרבעט אויס אַן הויט און מ'דרייט עס איבער. דער גוף דאַרף זיין אַזוי שטאַרק אויסגעאַרבעט אַז מ'זאָל עס קענען ממש איבערדרייען און זען אַז ס'איז אינגאַנצן ריין פון סיי וואָסערע שלעכטע זאַכן.

פאַרזעצונג קומט אם ירצה השם
**גענומען פון ספר "פעולת הצדיק"**

# ברוגז איפן לויפענדן פערד



ישראל דוד העסקעל

איך מיין איך האב אים... - - כ-א-פ-צ-ע-ם!!!!! ער אטעמט קוים, ער לויפט אים נאך... ער קאלט שנעל שומרים - יא העלא וואס איז די אמערדשענסי?

א גוי א שחור א הויכרע - - ער האט מיר אויסגעזעקלט, שיק די חברה שנעעל!

אינגערמאן איר מוזט אייך בארואיגן... ווער איז דער גוי, וואס האט פאסירט? איך קען נישט פארשטיין וואס איר זאגט...

וואס פרעגסט אזוי פיל קשיות יעצט? זיי אזוי גוט איר זענט דאך געמאכט פאר דעם ניין? פארוואס האט איר אן ארגאניזאציע? צו קענען פרעגן קשיות??? מיין געלט, מיין טלית ותפילין אלעעעס האט דער ערל אפגעיצמחט!!! איך מיין אז איך האב אים דא איך גיי אים נאך איין גאס איך בין 99% זיכער אז דאס איז ער איך דארף אפאר מעמבערס יעצט און מ'גייט אים באביקענען די ביינער....

הא הא הא וואו מיינסטו דו ביזט? וואס באוויקענען וועז באוויקענען דו ביזט אפילו נישט זיכער אז דאס איז דער גוי, מיר קענען גארנישט טון!

זיי מיר מוחל עטס זענטס ווערד אויף




טויטע כפרות - דו לאכסט פון מיר? איך לאך פון דיר עטץ האסט אן ארגאניזאציע וואס קען זיך נישט צוזאמען נעמען אויף דאס מינדערסטע? א פשוטע פארצייטישע כאפצעם?

זאג מיר דעם אמת וואס זענט עטץ ווערד? הא? איך שטיי דא בעירום ובחוסר כל און מיין איך אז איך האב דעם ערל און דו לאכסט פון מיר???

הא? - אוי ער האט שוין אראפ געלייגט...

שוין איך וועל עס מוזן נעמען אין מיינע הענט אליין לאמיר זען וואס מ'קען מאכן דא מיטן זעקס פיסיגער....

ער גייט אים נאך מיט איידעלע טריט ציטערנדיג פאר זיין לעבן, די הארץ



באמבערט אים וואס טוט מען דא?

ער קלינגט די פאליציי וואס מאכט אים זייער קלאר אז אויב איז נישט דא קיין הונדערט פראצענטיגע קראנטע באווייזן קענען זיי גארנישט טון...

שוין, זאגט ער צו זיך איך וועל דארפן טון די ארבעט סיי פון שומרים און סיי פון די פאליציי... ווי א געשולטער דעטעקטיוו הייבט ער אן צושטייטליך נאכצוגיין דעם גוי אן קיין שום פלאן.... ער בעט זיך ביים אייבערשטן העלף מיך טאטע איך דארף מיינע זאכן קיינער קען מיר נישט העלפן נאר דו...

אזוי נאכגייענדיג דעם גוי מיט קורצע געמאסטענע טריט זעט ער ווי דער גוי גייט אריין אין א מאדנע אויסזעענדע געשעפט... ער טראכט צו זיך זאל איך יא אריינגיין נישט אריינגיין? ווער ווייסט וואס טוט זיך דא אינעווייניג?

ער מאכט א החלטה איך בלייב דא אינדרויסן ביים טיר, דער גוי גייט דאך נישט בלייבן זיין גאנץ לעבן אינעווייניג... דארט אינעווייניג איז ער ארומגענומען מיט אלע זיינע חברה שקצים איינס גרעסער פון צווייטן... איך שטיי דא ביים טיר ביז ער קומט ארויס... און נאכדעם - - - גיי איך בעטן דער אייבערשטער זאל העלפן...

דער גוי האט זיך נישט צו שטארק געיאגט ארויסצוגיין פונעם געשעפט... אזוי איז ער נעבעך געשטאנען אינדרויסן פאר דריי שעה!!!! ביז ענדליך קומט דער ערל ארויס מיט א ציגארעטל און פארדרייכערט זיך...

דער אינגערמאן געבט זיך אזא איידעלע שאר צו צום גוי ער זאגט אים: עקסקיוז מי? האו אר יו?

נאך פאר דער אינגערמאן קען ארויסזאגן נאך א ווארט געבט דער גוי א לעש אויס דעם ציגארעטל און לויפט צוריק אריין...

דער אינגערמאן שטייט דארט פארלוירן... וואס טו איך יעצט? ער טראכט צו זיך אז ער גייט פרובירן ארויסצורופן דעם שגץ. ער עפנט דעם טיר און געבט א לאז ארויס א פצצצ, דער גוי דרייט זיך אויס ער ווייזט אים מיט די פינגער קום אהער א רגע. דער גוי קומט אביסל נענטער ער פרעגט אים פון די ווייט - וואס ווילסטו? וואט דא יו וואנט פראם מי? דער אינגערמאן ענטפערט איידל - ביזנעס! איך וויל מאכן מיט דיר א געשעפט!

דער גוי קומט א טראפ נענטער ער וויל שוין הערן וואס דער אינגערמאן האט צו פארקויפן... ער מאכט אים מיט די פנים ווי צו זאגן יא לאמיר הערן וואסערע געשעפטן דו ווילסט מאכן מיט מיר אפגעפליקטע גוי...

דער אינגערמאן זאגט אים הער מיר גוט צו... מיר איז פארלוירן געגאנגען א רענצל מיט גאר וויכטיג פאפירן, געלט, קרעדיט קארטלעך און אידיש חפצים... איך פארמאג גאר אסאך געלט און איך קען זייער טייער באלוינען דער וואס גייט מיר צוריקברענגען מיינע זאכן...

דער גוי טראכט א סעקונדע און איז שנעל מחליט וואס איז זיכער איז זיכער... וואס ליגט ביי אים ליגט שוין ביי אים... איך ווייס נישט וועגן זיינע הבטחות איך האב געכאפט א רענצל מיט גוטע זאכן דאס בלייבט ביי מיר... ער געבט א זאג דעם אינגערמאן איך ווייס נישט וואס איר רעדט וועגן... אנטשולדיגט!

פארלוירענערהייט איז ער מחליט ער גייט אריינגיין אין דעם פלאץ זען אפשר וועט ער דארט טרעפן איינער... ווער ווייסט...





ער עפענט דעם טיר ער גייט אריין און הערט קולות וברקים - יא יא יא גיי שוין לויף שוין שנעלער נייייין לאז זיך נישט... נאך שנעלער נאך שנעלער... קולי קולות!!!

ער קוקט זיך אזוי אום וואו האט ער דא אריין געבלאנדזשעט... ער זעט א גרויסע סקרין אויפן וואנט און דארט שפילט א מעשה פון צען פערד וואס לויפן, יעדע פערד פארמאגט אן אנדערע קאליר.

צען מענטשן נעמען זיך צאם אז זיי גייען יעצט שפילן... יעדער שטעקט איין הונדערט דאלאר דערנאך קלויבט זיך יעדער אויס א קאליר און דער גוי צינד אן אזא שפיל אויפן סקרין ווי אלע האלטן מיט ווי 'זייער' פערד לויפט...און וועלכע פערד ס'קומט אן ערשט צום סוף רינג דער קאליר איז דער געווינער! און דער גוי נעמט יעדן'ס געלט...



ס'הערט זיך היפש נאריש, אהה? ווייל ס'איז... אבער וואס דען זאל דער פראסטער פאלנער גוי טון מיט זיין ליידיגע צייט און געלט...

דער אינגערמאן האט אבער אויפגעמערקט א מורא'דיגע אינטערעסאנטע זאך... ווי נאר דער שפיל האט זיך אנגעהויבן - הייבן אלע גוים וואס שפילן - אן צו שרייען מאדנע קללות... יעדער שרייט אויף זיין פערד אויפן סקרין - נא לויף שנעלער... איינער ווערט צוללאזט ער זעט ווי 'זיין' פערד שלעפט זיך אונטער... ער הייבט אן האקן אויפן טיש נא לויף שוין גיי שוין ער ווערט ברוגז אויף אים כאילו דער פערד האט אים באמת באעוולט... און ווי כאילו אז זיין האקן אויפן טיש גייט עפעס העלפן...

ער טראכט צו זיך וואסערע פנים האט דער מענטש... ער האט נישט קיין ברעקל קאנטראל, אלעס פירט זיך סיווי פונעם אייבערשטן, אבער אויב גייט עפעס נישט זיין וועג ווי אזוי ער האט זיך פונקטליך פארגעשטעלט אז ס'דארף גיין, ווערט ער ברוגז ער שלאגט ער האקט ער שרייט ער פארפירט...

דער אינגערמאן שטייט דארט אזוי און געבט זיך א כאפ, איין מינוט! איך בין דאך יעצט אינעם זעלבן מצב, איך וויל צוריק זען מיין אבידה, איך מיין אז מיט דעם וואס איך וועל טון און מאכן און איבערדרייען, וועל איך דאס צוריק באקומען, איך האב איינגאנצן פארגעסן פונעם אייבערשטן, וואס ער האט דאס צוגעפירט פאר מיר, מיט א פונקטליכע פלאן פון פאראויס, איך האב איין ברירה, איך קען שרייען צום אייבערשטן ער זאל מיר העלפן ארויסגיין פון מיין פלאנטער.

ברידער ס'דא איינער וואס קאנטראלירט אלעס... יש מנהיג לבירה האקן און זעצן, שרייען און פארפירן גייט דיר גארנישט העלפן לאז דיך פירן פונעם אייבערשטן ווייל אלעס האט א פונקטליכע פלאן און חשבון אלעס איז פון פאראויס אפגעשריבן לטובה...

יעדער זאך האט זיין צייט יעדער מענטש האט זיין טאג וואס זיין ישועה וועט אנקומען... פארליר זיך נאר נישט אויפן וועג... ווער נישט ברוגז ווען ס'גייט נישט פונקט ווי דיין פלאן...

אזוי קוקט מען אויס ווען מ'לעבט אן א צדיק... מ'מוז אלעס יעצט פארשטיין אלעס מוז יעצט גלייך גיין פונקט ווי אזוי איך וויל... בארואיגט אייך ר' איד... נעם די עצות פון צדיקים גיי יעדן טאג אביסל התבודדות, רעדט צום אייבערשטן אויף דיין אייגענעם שפראך, אידיש / ענגליש /ספאניש/ לשון קודש, וועסטו אויפהערן האבן טענות און קשיות אויפן אייבערשטן, און די לעבן וועט דיר ווערן זיס און געשמאק.

(געהערט פונעם בעל המעשה אליין)

בס"ד

פרייליכע
# נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלומל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און ציענדיג
וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ
אדרבה איבערצייגט אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



אין שטאט ליזענסק, פארנט פונעם ציון פון
הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע - ב' תז"מ תשפ"ג

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם קומענדיגן בלעטל**

פאר די
# ברסלב'ע שטוב

א. פאפנהיים

# ווילט איר
## א קארטל?.

מאאאמממי!!! ממאאאמממי!!!

וואס איז געשען??? איך לויף שנעל צו, מיט די בעיבי אין די הענט.

נחמן נתן וויינט ביטערלעך: "שלמה'לע לאזט מיר נישט אנגרייטן נעגל וואסער!"

שכח אייבערשטער נאר דאס. איך אטעם טיף אפ, "דו ווייסט צדיק, איך האב זיך דערשראקן אז דו האסט זיך צוקלאפט, אדער עפעס ערגער חס ושלום. קוק, איך האלט אינמיטן אנטון די בעיבי, מען קען נישט סתם אזוי שרייען, און שלמה'לע האלט אינמיטן זיך באדן, מען טאר יעצט נישט אריינגיין".

ער קוקט מיר אן מיט גרויסע אויגן, "אבער איך דארף נעגל וואסער".

"שעפעלע, געדענקסט וואס ס'איז געשען פאריגע וואך מיט דיין נעגל וואסער? אמת די בעיבי האט עס אויסגעגאסן און איבערגעקערט אויף דיר?". ער הייבט אן צו לאכן, "איך בין געווארן אינגאנצן נאס".

"יא, יעצט ווערסטו גיין שיין שלאפן, און איך וועל דיר אנגרייטן נעגל וואסער ווען יעדער שלאפט שוין".



# פאר די
# ברסלב'ע שטוב

"אה, דא איז שלמה'לע, אזוי גוט און שנעל גרייסטו זיך צו צום שלאפן! אזוי ווי א ריזיגער אינגל! לויף זיך וואשן, און מען גייט שוין ליינען קריאת שמע".

נחמן נתן קריכט אריין אין בעט, ער רייבט זיך די אויגן, און זעט אויס אזוי מיד. איך פארמאך דערווייל די זיפער פון די בעיבי, און שלמה'לע קומט אריין מיט טאנצעדיגע טריט. "מאמי! וועלכע טאג גייט זיין מארגן?"

"מארגן איז דאנערשטאג!"

"א מחי'ה! - מיט איין שפרינג איז ער אויפן בעט - עס גייט שוין זיין שבת! - נאך א שפרינג, און נאך איינס. אין א סעקונדע שטעלט זיך נחמן נתן צום טאנץ, און זיי נעמען שפרינגען צוזאמען - א מחי'ה



שבת! א מחי'ה שבת! איך האב ליב שבת!"

איך פאל אריין אין נאנסטן בענקל, אויסגעשעפט. טאטע זיסער! פון וואו נעמען זיי יעצט כח אזוי צו שפרינגען? איך האב געמיינט אז ביז אפאר מינוט שלאפן שוין אלע דא. אפשר טוישן אונז זיך? זיי וועלן באקומען מיין מידקייט, און איך וועל נעמען זייערע כוחות זיך צו נעמען צו די ארבעט.

די טענער ווערן העכער, "איי... איי... איי... שכח באשעפער אז איך היט שבת! העלף מיר איך זאל אלעמאל היטן שבת!

קוק ווי זיי פרייען זיך מיטן שבת. מען קען מיינען אז זיי האבן יעצט געווינען די לאטערי. זיי זענען יעצט אויס גליקליכער ווי דער געווינער נאכן אויפפיקן די געלט פון זיין געווינס.

צווישן אונז גערעדט, מיר האבן געווינען אסאך מער ווי די לאטערי. זיי זענען געבוירן אין א שטוב, ווי טאטע - מאמע גייען נאך א צדיק, זיי וואקסן אויף אין א פרייליכע שטוב, און באקומען א חינוך פון די בעסטע מלמדים, בכלל נישט קיין וואונדער אז דאס ווארט שבת מאכט זיי שפרינגען ביזן דאך.

און דו ווייסט זייער גוט אז עס איז דא נעבעך קינדער (און עלטערן...) וואס שבת מיינט גיהנום... מיר מעגן פארגינען דעם גן עדן פאר נאך מענטשן, עס איז דא גענוג פלאץ פאר אלעמען, יא, איך וואלט געדארפט מער פארשפרייטן די זיסע לעכטיגע עצות...

איך גיי אייך דא נישט באדערן מיטן דערציילן פונקטליך ווי אזוי ס'איז ענדליך שטיל געווארן, איין זאך קען איך יא אויסזאגן, אז עס איז א מעשה פון תפילה... צום סוף איז געווארן נאכט, און אויך דער פרימארגן האט אויפגעשיינט.

די קינדער זענען פרייליך געלאפן אין חדר, און... עס גייט קומען שבת... שכח אייבערשטער אז אויך איך בין פרייליך אז ס'קומט שבת, אפילו פאר מיר מיינט עס אויך אסאך ארבעט...

הייליגער באשעפער העלף מיר! שטעל מיר אויס מיין טאג, מיר זאלן אנקומען צום שבת רוהיג און פרייליך. איך טראכט אז די ערשטע זאך וועל איך איינקויפן לכבוד שבת, אזוי וועט מען זיך קענען גרינגער נעמען דא צום שבת. הייליגער באשעפער! שיק מיר דא א ברכה אין די צייט, און אין די ארבעט, באשעפער העלף מיר איך זאל זיך לאזן פירן פון דיר.

מיין זיסער משה'לע מען גייט איינקויפן! די בעיבי פאטשט פרייליך מיט די הענטעלעך, און פריידט זיך אויפן געשמאקן שפאציר. א שמייכל'דיגע פרילינג זון ענטפאנגט אונז, די פייגעלעך טשוויטשקען, און פליען לוסטיג ארום אונז, און א אנגענעמער ווינטל בלאזט, שכח אייבערשטער פארן שיינעם וועטער.

"צדיק'ל דו זעסט? דא גייט מאמי איינקויפן, וועסט זיין א וואוילער, און לאזן פאר מאמי אלעס נעמען?". די וואגן פילט זיך שנעל אן, לאמיר צוגיין באצאלן. איך שטיי שוין ביים טיר אהיימצוגיין, ווען א פרוי קומט צו צו מיר און שטופט מיר אריין א קארטל אין האנט "דו האסט שוין געהערט פון די האט-ליין פון "געזונט און גרינג"?

אוי! איך האב נישט קיין געדולד! לאז מיר אפ!

איין מינוט. איין מינוט. ווען דו וואלסט געגאנגען הפצה, וויאזוי וואלסט געוואלט מען זאל דיר אויפנעמען? מעגסט אויך געבן א גוטער געפיל.

איך צי ארויף א ברייטער שמייכל "לאמיר זען! - איך נעם איבער די קארטל פון איר - אה, די האט-ליין פון 'געזונט און גרינג', זיכער האב איך געהערט פון דעם".

די פרוי שטראלט אויף. "איך זאג דיר, דו מוזט עס הערן, דא אין נומער איינס

# פאר די ברסלב'ע שטוב

איז דא א שיעור יעדן טאג פון די וועלט בארימטע רעדנער, וואס האט שוין באקומען לייסענס אין אסאך געזונהייט מעטאדן, וואס זי לערנט שוין אפאר יאר, און זי בלענד עס אזוי שיין אריין מיט חינוך און שלום בית שמועסן.

זי אליין האט זיך טאקע אפגעטיילט פון איר מאן א קורצע צייט צוריק, דאס איז פשוט ווייל זי ווייסט ווי איין און ווי אויס, און זי פארשטייט אז זיך אפטיילן פאר א שטיק צייט קען גאר מאכן בעסער די שלום בית און באנייען די קשר...

ביי קנעפל צוויי קען מען הערן "סוקסעס מעשיות" פון פרויען וואס האבן פרובירט די פאר סימפל געזונטהייט סטעפס, און געזען וואונדערליכע רעזולטאטן, ווי זייער לעבן האט זיך אינגאנצן געטוישט...

איך שאקל צו מיטן קאפ "זייער שיין, זייער שיין, ממש מורא'דיג". "יא - זאגט זי - איך טראכט אז אלע דארפן וויסן פון אזא גוטער האט-ליין". און זי גייט זיך ווייטער צופרידן.

אבער האסט געזען? איך בין איר אזוי מקנא, די פרוי האט זיך דערוואוסט פון א האט-ליין, וואס זי האלט אז עס טוט אויף פאר כלל ישראל, און יעדער מוז וויסן פון דעם, קוק מיט וואספארא שטארקייט זי פארשפרייט עס, און איך שעם זיך אזוי שטארק צו געבן א קארטל פאר א צווייטן... אויסער דעם, ווען איך געב א קארטל פאר א מיידל, לויפן שוין די לערערינ'ס און מנהלות צו רבנים מיט א געוואלד! מען פארכאפט אונזערע קינדער!

הייליגער באשעפער! וואס קען מען טון אז די נאמען פון הייליגן רבי'ן איז אזוי שרעקליך פארשעמט צווישן מענטשן, עלטערן ציטערן פאר זייערע קינדער, זאל ער מיר נאר נישט ווערן א ברסלב'ער.

אבער טאטע זיסער, האסט רחמנות געהאט אויף אונזער דור, און אונז געשיקט צדיקים וואס לערנען אונז אזאנע זיסע לעכטיגע עצות. מוהרא"ש און דער ראש ישיבה שליט"א, לערנען אונז אז טאנצן אין די גאסן מיט הויכע באמבעדיגע מוזיק, איז פונקט פארקערט פון הפצה, די ערשטער מינוט זינגען זיך טאקע אלע אונטער בח...

די פרוי האט זיך דערוואוסט פון א האט-ליין, וואס זי האלט אז עס טוט אויף פאר כלל ישראל, און יעדער מוז וויסן פון דעם, קוק מיט וואספארא שטארקייט זי פארשפרייט עס



בח... אבער אין הארצן ווערט מען ווייט, מען וויל נאר נישט אויסקוקן ווי זיי.

שכח הייליגער באשעפער אז דו האסט אונז געהאלפן ווערן מקורב צום צדיק, דו האסט אונז געהאלפן אריבערגיין אלע מניעות, און אלע גוטע עצות פון אלע גוטע פריינד וואס מיינען נאר נאר דיין טובה... און דו האסט אונז צוגעברענגט צו די הייליגע ספרים פון הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים וואס לערנען אונז אזא זיסער דרך אין עבודת השם. העלף טאטע זיסער דעם הייליגן רבי'נס לעכטיגקייט זאל אויפשיינען און דערלייכטן אלע אידישע הערצער!

יעצט וויל איך הילכיג אפלאדירן די אלע טייערע פרויען און מיידלעך וואס טוען אין הפצה אויף סיי וועלכע וועג, שטארקט זיך ווייטער, שפרינגט אריבער אלע שוועריגקייטן, און דאנקט דעם אויבערשטן אז ענק האבן די זכות צו דערקוויקן אידישע נשמות. געדענקט! יעדע קלענסטע פעולה דערנענטערט די גאולה!

חזק ויאמץ לבך!!!

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

פאר א דירה אדער א אכסניא אין שטעטל
פאר קומענדיגן יום טוב שבועות הבעל"ט
ביטע רופט משפחת ווסמאן
845-837-9224

PLUMBING SERVICE
For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more
Call LAZER MAINTENANCE
917-202-1206

LOUNGE
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681




## השבת אבידה שטיבל

אויב פארלוירן
ביטע רופט
845-243-0604



Catskills expediting
For all your property submittals,
approvals, permits, assistance, legal and
practical, Is the New York Catskills.
Feel free to contact the professional
Catskills Expediting team
917-379-5063
catskillsexpediting@gmail.com
Relax! We do the max

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

**דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618
יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בידנבוים – 347-549-5625
גרעסערע דירה – 845-637-5367

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

**א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת און פאר גאנץ זומער, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.**

רופט לייבי ראטה
347-578-4449







**סעט פון 120 מחנים ביכלעך**
לעמינעט רעג. $625 יעצט פאר $499
נישט לעמינעט רעג. $325 יעצט פאר $249

WEEKLY SPECIAL

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת אמור

## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט פאר ר׳ נתן: און ווייטער איז גוט זיך אויסצורעדן דאס הארץ צום אייבערשטן**

א. אזוי ווי מ׳רעדט זיך אויס צו א גוטע פריינט
ב. אזוי ווי מ׳איז זיך מתודה פאר א צדיק
ג. אפילו מ׳האט נישט קיין דיבורים
ד. אזוי ווי מ׳רעדט צו א גוטע דאקטער

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

מוהרא״ש זאגט:
א וואך וואס מ׳איז נישט מעביר סדרה
**וועט מען האבן א שאדן יענע וואך**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**יוסי פעלדמאן נ״י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ו | צ | מ | ק | מ | מ | י | נ | ו | ט | ס |
| ב | ב | ד | י | י | ש | ש | ר | ו | צ | ד | ז |
| ע | ז | י | ס | נ | ק | ע | מ | נ | ו | ע | י |
| ל | ל | ק | ר | ד | פ | י | נ | ו | פ | א | ו |
| א | י | י | נ | ע | מ | י | ד | ר | ע | צ | ס |
| צ | ז | מ | ש | ר | י | ז | ז | צ | ע | ס | ה |
| ב | ד | א | ק | ל | א | י | א | י | נ | ד | ט |
| נ | ב | י | ל | ע | י | ע | ז | כ | י | ע | נ |
| ל | י | ז | ק | כ | נ | ד | א | ע | ב | נ | ו |
| א | ז | מ | ת | ע | ה | י | י | ל | י | ג | ע |
| ת | ז | ק | ו | פ | ו | נ | ז | ה | ד | י | מ |
| ר | פ | ו | נ | כ | ע | ע | ר | ש | ד | ו | ר |
| ו | ו | י | י | פ | מ | ו | ז | ע | ע | ו | ע |
| א | מ | ל | ס | א | ע | ו | א | מ | כ | ע | ד |
| מ | ר | ל | ע | ר | נ | ע | נ | ו | ע | ר | ט |
| ע | ט | ו | ט | ל | מ | ט | ר | א | כ | ט | צ |

*ווען פון א הייליגע צדיק מ׳שמועס*
*ווערט די לעבן זייער זיס*
*ווען מ׳רעדט וואס א צדיק טוט*
*ווערט מען ערליך און איין מינוט*
*מעשה׳לעך פאר קינדערלעך*
*צו לערנען ווי אזוי מ׳קען זיין ערליך*
*רעדן פון צדיקים איז די זאך*
*אזוי פון באשעפער מ׳טראכט*

## טרעף די וועג

העלף נחמן נתן אנקומען
פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן
דערמאנט דיך די בילדער?

-7
יאר







ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי האט געזאגט: די גאנצע וועלט
איז אזוי ווי א שמאלע בריק, און דער עיקר
איז מען זאל נישט מורא האבן!

## לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 | 1 | | | | |
| | | 6 | | | |
| 3 | | | 4 | 2 | |
| | | | | 6 | |
| | 4 | | 1 | | |
| | | | | | 5 |

# קליין און שיין



פייגי אינדיג תחי' - וויליאמסבורג

ברסלב'ע קרוין



נחמן נתן פעקעטע נ"י - מאנסי

דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן דראפע זיך און דערהאלט זיך




רייזל וועבערמאן - קרית ברסלב. אהערגעשטעלט א מעשה פון תפלה מיט קלעי.



## שיקט אריין א בילד פון אייער קינד

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

אליעזר שלמה וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב פארציילט:




ליבי אינדיג תחי' - קרית ברסלב פארציילט:



# בילדער אפטיילונג




קרעדיט: ישראל העסקעל

ראש חודש סעודה אין היכל הקודש לאנדאן - ה׳ תז״מ


קרעדיט: יואל טייטלבוים

די תלמידי ת״ת היכל הקודש קרית יואל ביים מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים



תלמידי כיתה א׳ פון שטעטל ביי ברכת האילנות


קרעדיט: דודי דייטש

תיקון לע״נ ר׳ ישעי׳ ב״ר משה ז״ע ביים טעגליכן דף גמרא שיעור אין היכל הקודש בארא פארק


קרעדיט: שמעון פארטיגאל


קרעדיט: שמעון פארטיגאל

תיקון לע״נ ר׳ ישעי׳ ב״ר משה ז״ע אין קרית ברסלב ליבערטי




סעודת ראש חודש אין היכל הקודש בארא פארק - ליל ששי תזריע מצורע



ביים איבערקוקן די בלעטל נאכן סעודה




דער עולם ביים צוהערן צום שיעור




אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן סעודה




ביים טעגליכן שיעור אין היכל הקודש בארא פארק




דער ראש ישיבה ביים מיטהאלטן די שיעור







**לחיים / ווארט / תנאים פון החתן משה לייב ניימאן נ"י עב"ג מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו - ב' אח"ק**




**בית הדפוס - ביים אויספרובירן פילע USB'S פאר הפצה**




**טעגליכן דף גמרא שיעור אין היכל הקודש ירושלים**




**מעשה'לעך פאר קינדערלעך אין לשון קודש צו באקומען אין ארץ ישראל**




**ל"ג בעומר קארטלעך**

בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט דא צו באקומען

# אפגעשיקט יעדע וואך צו אייער טיר אויף פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע

וועכנטליכע קונטרס

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות ותשובות

אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן

געשריבן דורך

הרה"ג ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב שליט"א

## קרן הדפסה היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

718.387.2691

אדער שיקט אן אימעיל צו:

subscribe@kerenhadfusa.org

מען קען פרעגן שאלות פונעם

ראש ישיבה שליט"א דורך:

https://breslevcenter.com/answers

ווי אויך קען מען באקומען דעם טעגליכן בריוו

אויף טעלעפאן מעסעדזשינג:

347.286.8081

היכל הקודש

מכון עצתו אמונה

# WasteWise





**PROTECT YOUR PROPERTY FROM WILDLIFE AND KEEP YOUR GARBAGE BINS SECURE WITH OUR GARBAGE HOUSE**

Transform your messy garbage bins into a stylish and practical Garbage House. Keep your property clean and tidy while protecting it from wildlife. Upgrade your waste management with our top-quality custom garbage house today!

## ORDER YOURS TODAY
## CALL 845.637.5367

WhatsApp 718.306.2448 shlomie@kbmanagementny.com

**KB GROUP**
property management and construction team